**גוט שבת אלע אידן.** עס שטייט אין די הייליגע תורה די וואך "ביומו תתן שכרו וכו'" איז לאמיר רעדן אביסל וועגן די מצוה פון באצאלן אן ארבעטער באצייטענס. דער חינוך זאגט אז די טעם פון דער מצוה איז אזוי: "השם ברוך הוא חפץ בקיום האדם אשר ברא, וידוע כי באיחור המזונות יאבד הגוף, אל כן ציונו לתת שכר שכיר וכו'." דער אייבערשטער וויל אז דעם מענטש וואס ער האט באשאפן, זאל לעבן געזונט. וועגן דעם האט די תורה באפוילן צו באצאלן אן ארבעטער זיין באלוינונג צייטליך, ווייל דורך דעם וועט א מענטש האבן וואס צו עסן. (מצוה רל)

דער הייליגער רמב"ן זצ"ל איז אויך מסביר דעם טעם פון דער מצוה, "כדי שיקנה בשכרו לו ולאשתו ולבניו מה שיאכלו בלילה." א מענטש קען טראכטן אמאל אז דער ארבעטער דארף נישט האבן דעם געלט יעצט, ווייל לכאורה האט ער וואס צו עסן. אבער די תורה זאגט אנדערש, טאמער מען האט נישט אויסגענומען בפירוש פאראויס, מוז מען באצאלן דעם ארבעטער ביז סוף טאג. די פאלגענדע מעשיות גיין אונז מעורר זיין דעם וויכטיגקייט פון זיין מקפיד אויף די מצוה פון "ביומו תתן שכרו וכו'."

ר' יעקב חיים קליין, נישט זיין עכטע נאמען, איז דער בעל הבית פון א געוויסע דרוקעריי "אות יעקב" אין דעם געגענט. ר' יעקב חיים איז א ווארעמע חסידישער איד. עס זענען ליידער אסאך מענטשן וואס ר' יעקב חיים האט געטון ארבעט פאר זיי אין זיין דרוקעריי, און זיי האבן נישט באצאלט, אפילו פאר ארבעט פון אסאך יארן צוריק. בקיצור, ר' יעקב חיים האט געהאט א מעשה עטליכע יארן צוריק מיט איינעם וואס איז אים שולדיג געווען געלט פאר דריקן א ספר.

יענער האט געדריקט זיין ספר ביי ר' יעקב חיים אבער ער האט אים ליידער נישט באצאלט אינגאנצן. יענער האט נישט באצאלט ר' יעקב חיים ווייל ער איז נישט צופרידן געווען מיט דעם ארבעט, ער איז גראדע זייער שטארק צופרידן געווען מיט דעם דזשאב וואס ר' יעקב חיים האט אים געטון. נאר וואס? יענער האט זיך נישט געיאגט צו באצאלן!

איין טאג האט ר' יעקב חיים געהערט נעבאך די שלעכטע בשורה אז עס איז געשען ל"ע א שרעקליכע אומגליק מיט יענעם, דעם בעל מחבר פונעם ספר וואס איז שולדיג געווען ר' יעקב חיים אסאך געלט. יענער איז נעבאך אוועק ווען דעם קליינעם עראפלאן אויף וואס ער איז געפארן איז פלוצלינג אראפגעגאנגען בלי הסבר. ר' יעקב חיים האט זיך געגעבן א קרעכץ.

איין טאג אפאר חדשים שפעטער, ווען ר' יעקב חיים איז געווען פארנומען ביים ארבעט האט ער באקומען א טעלעפאן קאל וואס האט אים אויפגעשודערט. ווען ער האט אויפגעהויבן דעם טעלעפאן האט ער געהערט דעם קול פון א מאן און א פרוי. עס זענען געווען די עלטערן פון יענעם נפטר דער בעל מחבר ע"ה. די עלטערן האבן גענומען דערציילן אז זייערע זון דער נפטר ע"ה איז געקומען צו זיי ביידע אין חלום. דער נפטר האט געבעטן פון זיין עלטערן אז זיי זאלן גיין אפצאלן זיין חוב פאר דרוקן דעם ספר.

פארשטייט זיך אז ר' יעקב חיים האט זייער אסאך רחמנות געהאט אויף די עלטערן וואס האבן נעבאך פארלוירן זייערע זון ל"ע. ר' יעקב חיים האט דעם חוב געוואלט מוחל זיין. אבער, די עלטערן האבן נישט געלאזט. זיי האבן מורא געהאט אז זייער זון וועט נישט האבן קיין מנוחה טאמער זיי גיין נישט באצאלן. בקיצור האט ר' יעקב חיים צום סוף מסכים געווען צו נעמען דעם געלט לטובת הנשמה. די עלטערן זענען ב"ה בארוהיגט געווארן מיט דעם האפענונג אז זייערע זון וועט האבן סוף כל סוף מנוחה אין עולם האמת.

עס איז דא נאך א שרעקליכע מעשה וואס ברענגט ארויס דעם וויכטיגקייט פון דער מצוה פון "ביומו תתן שכרו וכו'." עס איז אמאל געווען א בחור וואס איז נעבאך פלוצלינג אוועק. איין טאג דערנאך האט דער ראש ישיבה "געטראפן" דער נשמה פונעם בחור גיין אהין און צוריק אין דעם ישיבה. דער ראש ישיבה האט אים געפרעגט וואס ער טוט דא אויף די וועלט. די נשמה פון יענעם בחור האט געזאגט אז זיי לאזן אים נישט אריין אין גן עדן ביז מען וועט אפצאלן זיין חוב צו יענעם.

די מדרש ברענגט א מוראדיג שטיקל מוסר אויף דער מצוה פון "ביומו תתן שכרו וכו'." דער מדרש גלייך צו א בעל הבית וואס צאלט נישט זיין ארבעטער צייטליך צו איינעם וואס רייט אויף אן אייזל. כדי צו מאכן אז דער אייזל זאל לויפן, האלט דער מענטש א שטיקל עסן פאר דעם אייזל'ס אויגן. דער אייזל לויפט און לויפט צו כאפן דעם עסן אבער ער כאפט עס קיינמאל נישט. אזוי איז דער מצב מיט אן ארבעטער. ער ארבעט שווער דעם גאנצן טאג, טראכטענדיק וועגן זיין באלוינונג וואס ער האפט צו באקומען סוף טאג, און צום סוף, זאלט אים נישט דער בעל הבית! דער מדרש רופט אזא בעל הבית וואס צאלט נישט זיין ארבעטער צייטליך א "רשע." (מדרש רבה שמות לא, ז) טאמער איינער קען נישט "אפורדען" דעם ארבעטער, זאל אים נישט באשטעלן צו ארבעטן! חוץ דעם איז דער חילול השם מוראדיג.

למשל, מען האט געהערט לעצטענס וועגן א געוויסע גויטע וואס וויל נישט ארבעטן אין א געוויסע געגענט, "ווייל זיי באצאלן נישט פונקטליך!" די בעל-הביתטעס האבן געזאגט צו דער גויטע למשל: "איך גיי דיך צאלן נעקסטע וואך וכו'." א טיפש מיינט אז ער פארדינט עפעס דורך נישט באצאלן באצייטענס, ווייל דורך דעם קען ער באנוצן דעם געלט פאר עפעס אנדערש.

מכלל לאו אתה שומע הן. טאמער א בעל הבית צאלט זיין ארבעטער צייטליך איז ער מקיים די מצוה פון "והלכת בדרכיו" ווייל עס שטייט "ונאמן הוא בעל מלאכתך שישלם לך שכר פעלתך." דער אייבערשטער איז באגלייבט צו באצאלן די שכר פאר די מצוות וואס מיר טון. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב לחתנים משה מנחם מענדל ברוין נ"י, יצחק לעפקאוויטש נ"י, וחיים צבי צימענד נ"י לרגל שמחת נשואים שלהם בשעטומ"צ

נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, הילד צבי אלימלך בן שיינדל, ר' דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים. **נא לעיין בדף זה לאחר התפילה.** לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

דעו אחיי היקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)